שנה ה'
גליון קי"א

כי תצא-כי תבא
תשפ"ו לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'


**מדור שיחות קודש** א

בתוכן:
**העבודה בחודש אלול** / שמו של אדם מסוגל / **מלחמה עם היצר הרע** / אמונת צדיקים של הנשים זקינות / **השידוך עם ר' דוד איש** / הבנים מעידים על כשרות האם / **שפתותיו דובבות על ידי סיפור על הצדיק** / הגה"ק ר' יהודא גרינוואלד בבעלזא / **לזכור ולרשום סיפורי צדיקים** / נוסח מציבה של מרת אסתר אבערלאנדער ע"ה / **אמונה חזקה בה'** / הערצת מרן מבעלזא אל מרן ז"ל / **ועוד**

**מדור דברות קודש** ט

בתוכן:
ברכנוכם מבית ה' / **זמני תשובה מתוך שמחה** / המחלה 'אשר ידעת' / **מנשב רוח חזק** / חינוך הבנות / **הכל פתוח לכל** / היום אומר לו כך / **לכתחלה'דיגע אידן** / אופן האדווערטייזמענט'ס כהיום / **ובחרת בחיים** / חייל בצבא היהודי / **לא לפנק הבנים** / בין הזמנים / **פאפא בחורים המיוחדים** / התרחקות משמיעת חדשות / **אופן הלימוד** / נסיעה לארה"ק / **ועוד**

**חסידים דערציילן** – יז

**מגדל דור של חסידות** / מבית הצדיק ניתנה רשות / **שלח ידו וירפאם** / והיו עיניך רואות את מוריך / **ויעשו כולם אגודה אחת** / שיהיה חלקי בגן עדן


שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א **עם המחותן כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א** אחר שמחת הבר מצוה בחצרות קדשנו

**יום ד' כי תצא תשפ"ו לפ"ק**

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** וואס מאכט דער רבי?

**מרן שליט"א:** ברוך ה', הודו לה' כי טוב.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** אז מ'האט אזעלכע קינדער און אייניקלעך ווערט טאקע גוט אויפ'ן הארץ.

**מרן שליט"א:** דער אייבערשטער העלפט, דער אייבערשטער גיבט כח.

הגם דער בר מצוה איז געווען מבעוד יום, אבער ביי א קדשים איז הלילה הולך אחר היום.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** ס'איז דא דיעות אז מ'ווערט נישט בר מצוה תיכף אנהייב נאכט, נאר נאך די גאנצע מעת לעת, ווייל נישט אלץ ווייסט מען ווען אין טאג מ'איז געבוירן, להלכה איז אבער נישט אזוי.

**מרן שליט"א:** די וואך איז כי תצא למלחמה על איביך (פ' כי תצא כא, י), אונז זענען א מיליטער קעגן דער יצר הרע, בראתי יצר הרע ובראתי תורה תבלין כנגדו (קידושין ל:), צו דארף מען דאך האבן א מיליטער, יעצט האבן אונז ברוך ה' באקומען נאך א סאלדאט (הבחור הבר מצוה).

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** יעדער איד וואס קומט צו אין די טעג, העלפט צו צום עבודה פון די טעג, יעצט זענען דאך טעג וואס מ'איז מרבה מיט מצוות ומעשים טובים.

**מרן שליט"א:** ביי אסאך זאכן זאגט מען שלשים יום בשנה חשוב שנה, יעצט סוף יאר אין דעם חודש דארף מען מקיים זיין מלא החודש הזה, און דאס ווערט פאררעכנט כשנה.

**האדמו"ר מסערדאהעלי**: דער **הפלאה** טייטשט די משנה (כתובות נז.) נותנין לבתולה י"ב חודש, אז דער מזל פון אלול איז בתולה, קומט די משנה זאגן אז טאמער מ'נוצט אויס דעם חודש אלול איז מען מיט דעם מתקן כל י"ב חודש פון די גאנצע יאר.

**מרן שליט"א**: מ'זאגט נאך יעצט ברך עלינו ה' אלקינו את השנה הזאת, מ'קען נאך אויסנוצן די צייט אזויווי עס דארף צו זיין, דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מ'קען עס אויסנוצן אזויווי ערליכע אידן נוצן עס אויס[א].

*

**האדמו"ר מסערדאהעלי: הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע** זאגט אין פרשת במדבר (ד"ה שאו את ראש) אז דער נאמען פון א מענטש איז משפיע אויף זיין מהות, איינער וואס הייסט אברהם איז מסוגל צו זיין א בעל חסד; נו, דער בר מצוה בחור הייסט דאך 'יוסף' נאכ'ן **רבי'ן ז"ל**, ס'איז אויך מרומז דעם פסוק (תהלים קטו, יד) יוסף ה' עליכם ועל בניכם, איז דאך דאס א גוטע סימן.

**מרן שליט"א**: מ'דערציילט אויף איינער פון די רוזינע קינדער [**הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורה זי"ע**], אז

**א.** ויצויין שבדרך כלל מסיים כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דברות קדשו אצל רעווא דרעווין משך חודש אלול עם הנוסח: "מ'זאל קענען אנפירן דעם חודש אזויווי ערליכע אידן פירן אן".


קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה
ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, מול פני המנורה
הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני
המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

כבוד קדושת
מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש

בהכנסת הנכד לעול התורה והמצוות
הב' פרע"ח **יוסף** ני"ו בן חדב"ן הרה"צ
**רבי אהרן כ"ץ** שליט"א רב דקהל
תולדות אהרן

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו
ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת
מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים לחסות בצל הקודש,
עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.





| | מסכת קידושין (סדר א' - עמוד ליום) שיעור היום | חזרת החודש | מסכת חולין (סדר ב' - דף ליום) שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | ע: | סא. | קלח | קכד |
| מאנטאג | עא. | סא: | קלט | קכה |
| דינסטאג | עא: | סב. | קמ | קכו |
| מיטוואך | עב. | סב: | קמא | קכז |
| דאנערשטאג | עב: | סג. | קמב | קכח |

הבחינה הבא:
זונטאג סליחות
כ"ד אלול תשפ"ו לפ"ק
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' קידושין דף סח. - עו:
חזרה בחינה
מס' קידושין דף נח: - סז:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' חולין דף קלד - קמ
חזרה בחינה
מס' חולין דף קיח - קלג




| | מסכת קידושין (סדר א' - עמוד ליום) שיעור היום | חזרת החודש | מסכת בכורות (סדר ב' - דף ליום) שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | עג. | סג: | ב | קכט |
| מאנטאג | עג: | סד. | ג | קל |
| דינסטאג | עד. | סד: | ד | קלא |
| מיטוואך | עד: | סה. | ה | קלב |
| דאנערשטאג | | | ו | קלג |

הבחינה הבא:
זונטאג א' סליחות
כ"ד אלול תשפ"ו לפ"ק
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' קידושין דף סח. – עו:
חזרה בחינה
מס' קידושין דף נח: - סז:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
חולין דף קלד – בכורות י
חזרה בחינה
מס' חולין דף קיט – קלד

זיין טאטע דער **רוזינער זי"ע** האט אים געפרעגט ביים בר מצוה: "וואס האסטו געטון מיט'ן בעל דבר די אלע יארן, האסט דאך נישט געהאט קיין יצר טוב?" האט דאס קינד געענטפערט: "כ'האב אים געזאגט אז מ'טאר נישט אויסהערן איין בעל דין אן דעם צווייטן"...

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** דער בעל דבר איז נישט קיין ריכטיגער בעל דין אינגאנצן, ווייל אונז זענען בנים למקום, אונז האבן א חיוב פון כיבוד אב און ער וויל אונז שטערן פון כיבוד אב.

**כ"ק מרן שליט"א כיבדו ביין, ואיחל מרן שליט"א:**

לחיים, לחיים טובים ולשלום. דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער כח מיט אריכות ימים ושנים.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, מ'זאל קענען פירן די עדה הק' געזונטערהייט, מ'זאל זען נחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער, א כתיבה וחתימה טובה, די תפלות זאלן נתקבל ווערן, מ'זאל זיך אויסבעטן א גוט יאר.

**מרן שליט"א:** דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל זיך זען שטענדיג אויף שמחות, א כתיבה וחתימה טובה.

**ונפרד ממנו מרן שליט"א:** יישר כחכם. כל טוב, זייטס געזונט.

* * *

## שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת **ניחום אבלים לפטירת ש"ב האשה הישישה מרת לאפללער ע"ה**

**יום ד' אמור תשפ"ו לפ"ק**

**מרן שליט"א:** זי האט מיטגעברענגט א דור, זי האט אהער געברענגט די פריערדיגע דור. זי האט געדענקט אסאך אלטע זאכן, זי האט זיך אנגעכאפט אין די פריערדיגע זאכן.

**אחיה הראה"ק הרה"ח ר' יחיאל אבערלאנדער:** די **באבע אסתר ע"ה** [הצדיקת אמם של מרנן הערוגת הבשם והקרן לדוד זי"ע] האט געזאגט אמאל: "מיינע קינדער וועלן עדות זאגן אויף מיר". אויף איר קען מען אויך זאגן אז זי האט איבערגעלאזט א דור וואס זאגן עדות אויף איר.

**מרן שליט"א:** זי האט געהאט א געוואלדיגע אמונה, אמונה בה' און אמונת צדיקים.

די אלע גוטע זאכן דארף מען געדענקען און פארשרייבן, מ'דארף זיך דאס איינ'חזר'ן.

**הר"ר דוד בר"י אבערלאנדער: הר"ר יחזקי' קריצלער הי"ו** האט אונז דערציילט, אז זי איז אמאל אריבערגעקומען שבת מיטאג נאכ'ן דאווענען צו **כ"ק מרן זצוק"ל**, דער רבי ז"ל האט געהאלטן שוין נאכ'ן זיך וואשן צום סעודה, און זי האט געזאגט אז זי דארף רעדן מיט'ן רבי'ן פריוואט, אבער דער טיר איז געווען אפן האט ר' יחזקי' געהערט אז זי פרעגט עפעס וועגן א תענית חלום, אז זי האט געהאט א חלום און זי פרעגט וואס זי זאל טון. דער רבי ז"ל האט איר געזאגט אז זי זאל פאסטן און אינמיטן וואך זאל זי פאסטן נאכאמאל תענית לתעניתו.

זי האט נישט געוואוסט פון קיין מעשיות, אז זי האט געהאט א שאלה איז זי אליין אריבערגעקומען צום רבי'ן און געפרעגט.

**א' מבני המשפחה:** זי האט געאטעמט דעם רבי'ן ז"ל אויף א הפלא'דיגע פארנעם. זי האט משריש געווען אין די קינדער די אמונת צדיקים אויף א הפלא'דיגע פארנעם.

**מרן שליט"א:** זי האט געהאט השגות. **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** האט געזאגט אויף זיין טאכטער רביצין אידל ע"ה אז זי קען אויך נעמען קוויטלעך, עס פעלט איר נאר די ספאדיק...

**א' מבני המשפחה:** סוף ימיה ווען זי איז שוין געווען שוואך, זי איז שוין נישט געגאנגען אזוי גרינג, פלעגט זי אלץ קומען נאר צום רבי'ן דאווענען, מ'האט איר פראבירט צו מסביר זיין אז אויפ'ן וועג איז דא די בית המדרש און יענע בית המדרש וואס זענען נישט אזוי ווייט, פלעגט זי זאגן: "זאג מיר נישט וואו צו דאווענען, איך ווייס וואו מיינע תפלות גייען ארויף".

זי פלעגט שטענדיג נאכזאגן פון איר מאמע, אבער זי האט עס אויך גע'חזר'ט אליין, אז ווען משיח וועט קומען וועט דאך זיין תחיית המתים, וועלן דאך אלע צדיקים אויפשטיין, וועט מען נישט וויסן וואו צו לויפן, האט זי געזאגט: "איך וועל שטיין נעבן דעם רבי'ן, דארט וואו דער רבי גיין וועל איך מיטגיין".

**מרן שליט"א:** דאס ווייזט אויף עפעס, דאס איז א זאך! דאס זענען אמאליגע השגות, ס'איז נישט אזוי פשוט. כ'האב געוואוסט דערפון, אבער ס'איז גוט צו הערן די אלע מעשיות, זי איז געווען א שטארקע מענטש.

זי האט געהייסן מרים בת אסתר, איך בין נישט אין הימל אבער שמא קא גרים, זי האט דאך געהייסן נאך מרים בת אסתר [הצדיקת מרים ע"ה אשת הרה"ח ר' דוד אויש ז"ל בתו של הגה"ק ר' עמרם מטשארנא זי"ע].

**כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** איז דאך געווען דער בכור אין די משפחה, זעט זיך אויס אז דער ערוגת הבשם האט אויך געטון די שידוכים, די מאמע - די באבע אסתר ע"ה - איז נאך געווען, אבער דער טאטע ר' עמרם האט שוין נישט געלעבט, זעט זיך אויס אז דער ערוגת הבשם האט געמאכט דעם שידוך פון 'מרים בית אסתר' מיט **הרה"ח ר' דוד אויש ז"ל**.

מ'האט פריער דערמאנט וואס די באבע אסתר ע"ה האט געזאגט, דאס איז געווען ווען מ'האט עפעס גערעדט אויף איר שלעכטס, האט זי געזאגט: "מיינע קינדער וועלן עדות זאגן אויף מיר".

**ר' יחיאל א"ב**: דער זיידע **הגה"ק רבי עמרם מטשארנא זי"ע** איז געווען דעמאלטס זייער צורודערט, האט די באבע אסתר געפרעגט פונעם זיידן: "וואס גייט פאר?" האט ער דערציילט וואס די ליצני הדור רעדן אויף איר וכו', האט זי דעמאלטס דאס געזאגט: "מיינע קינדער וועלן זאגן עדות אויף מיר".



**מרן שליט"א**: דאס זענען זאכן וואס מ'דארף געדענקען און פארשרייבן, מ'דארף רעדן דערפון. אז מ'רעדט דערפון איז דאס ערשטע זאך אז ס'איז א טובת הנשמה, אבער חוץ דעם קומט עס צוניץ פאר אונז טאמער אונז רעדן דערפון.

אין בעלזא האט מען געזאגט ביים געבן א נאמען פאר א מיידל 'לתורה לחופה ולמעשים טובים', ס'איז געווען פלעצער וואס מ'האט נישט געזאגט 'לתורה', אבער אין בעלזא האט מען יא געזאגט 'לתורה' ווייל ס'שטייט אל תטוש תורת אמך.

האב איך געטראכט ביי מיר אז אזויווי ס'איז פארהאן א בחינה ביי צדיקים פון שפתותיו דובבות בקבר, איז דאס נוגע אויך ביי דעם, אז ווען מ'רעדט פון צדיקים איז דאך עבודת ה', איז ביי דעם אויך שייך שפתותיו דובבות בקבר, רעדן פון צדיקים איז דאך א גרויסע זאך[ב].

דער **אלטער טשאבא רב הגה"צ רבי שרגא שמואל שניצלער זצ"ל** איז געווען א תלמיד פון **הגה"ק רבי יודא גרינוואלד זצוק"ל**, האט ער דערציילט אז ס'איז געווען א מעשה אין בעלזא, אז די תלמידים פון רבי יודא גרינוואלד זענען געקומען קיין בעלזא. ס'איז געווען איינער פון די צייטן וואס מ'האט געווארט צי אויפ'ן דאווענען צי אויפ'ן טיש, איז געווען דארט א קרעמל פון די תלמידים.

אינמיטן איז **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** ארויסגעקומען פון שטוב און געטראפן דעם קרעמל, האט ער זיי געפרעגט: "וואס רעדט מען דא?" האבן זיי געזאגט: "אונז רעדן פון אונזער רבי'ן", האט דער פריערדיגער רב געפרעגט: "ווער איז ענקער רבי'ן?" האבן גיי געזאגט: "דער סאטמארער רב ר' יודא גרינוואלד". הערנדיג דאס האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט: "אזוי? איך וועל ענק זאגן ווער ענקער רבי איז געווען".

האט דער פריערדיגער רב ז"ל דערציילט אז ר' יודא גרינוואלד איז געווען רב אין א קליין שטעטל סאבאטיטש, ער איז נאכנישט געגאנגען דעמאלטס מיט קיין שטריימל. ער איז געקומען אמאל קיין בעלזא צום **מיטעלער רב כ"ק מרן מהר"י זי"ע** און ער האט זיך באהאלטן אין א ווינקל פאר זיך, ער האט נישט געזאגט פאר קיינעם ווער ער איז.

דער מיטעלער רב ז"ל האט אים אבער באמערקט, פון אים האט ער זיך נישט געקענט באהאלטן, האט ער געהייסן מ'זאל אים אויסרופן צו די תורה מורה מורינו הרב וכו'.

האט דער פריערדיגער רב ז"ל דערציילט פאר די תלמידים: איך בין דארט געשטאנען ביים בימה, און דער טאטע ז"ל האט ארויפגעלייגט אויף אים א שטריימל, און דערנאך א טלית אויפ'ן שטריימל, און געזאגט: "נו! מאך די ברכה!" און איך שטיי דארט אין די זייט, און דער טאטע ז"ל געבט מיר א שטופ און זאגט מיר: "קוק דעם איד אין פנים אריין וויאזוי ער זאגט דעם שם!" און דער פריערדיגער רב ז"ל אויסגעפירט: "איך געדענק נאך דעם צורה!"

ווען ער איז אהיימגעפארן האט אים דער מיטעלער רב ז"ל געהייסן אנטון א שטריימל. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, זיין שטאט איז דאך אשכנז'ישע אידן, ס'האט נישט געקלאפט דארט זיך אנצוטון א שטריימל...

למעשה האט ער זיך אן עצה געגעבן; געוועהנליך איז דער שמש געקומען יעדן טאג אים אפנעמען פון שטוב און באגלייטן אין בית המדרש, אבער טאמער דער שמש וועט

**ב.** ראה בספר סיפורי צדיקים החדש (ווינא תרפ"ב) בפתיחה: כבוד ידידנו הנכבד המופלג ה"ר יהושע, חזן בהקלויז של כ"ק מרן בטשארטקוב נ"י, סיפר לי ששמע מאיש א' מהימן ששמע מן הרב הגאון ה"ר ליבוש זצ"ל מווישניצא, חתן הגאון הגדול ה"ר משה זצ"ל טיטלבוים בעל המחבר שו"ת השיב משה, שסיפר מעשה זו ששמע מפי מורו הרב הקדוש הרי"י זצ"ל מלובלין, וזו תוארה.

**הרב** הגאון הקדוש ה"ר יעקב יצחק זצוקללה"ה מלובלין, פעם אחת עבר דרך קלויז אחד וראה שיוצא משם אור גדול, היה מדמה בדעתו שיושבים שם איזו אנשים שלומדים תורה לשמה ונכנס לשם לראות, וראה שני חסידים יושבים ומדברים ביניהם איזו דיבורים ואינם לומדים, שאל אותם הרב, אחיי מה אתם מדברים, השיבו לו שמדברים איזו דיבורים מצדיקים, הרב בשמעו זאת נתפעל מאוד כי הבין שעל ידי זה יוצא האור וסיפורם זה גרם את האור, פתח הרב הק' ואמר, עכשיו מתורץ לי מה שהיה קשה לי זמן רב במשנה דאבות (פרק ג משנה ב) שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם שנאמר (מלאכי ג, ז) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפנו ליראי ה' ולחושבי שמו וכו'.

**כי** ידוע מאמר חז"ל (יבמות צו:) מאי דכתיב אגורה באהלך עולמים וכי אפשר לו לאדם לגור בב' עולמים אלא שהתפלל דוד המלך עליו השלום שיאמרו אחר מותו דבר שמועה משמו וכו' כאילו שפתותיו דובבות בקבר עד כאן, ובזה אתי שפיר וכו' דהמשנה הנ"ל באבות מיירי גם בשנים שיושבים ועוסקים בדברי תורה היינו בסיפורי צדיקים, וגם בזה אמרה המשנה שכינה שרויה ביניהם וגורמים בזה אור הקדושה, וראיה מהפסוק הזה אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו, יראי ה היינו הצדיקים, איש אל רעהו הם אלו האנשים שמספרים עכשיו ביניהם מהצדיקים, ואתי שפיר הלשון נדברו בלשון נפעל, היינו יראי ה' שהם הצדיקים הם נדברים בין איש לרעהו, ובזה ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו, היינו שנצמח מזה פעולה טובה לשניהם ליראי ה' היינו להצדיקים שמדברים מהם שעל ידי זה שפתותם דובבות בקבר, ולחושבי שמו הם אלו האנשים שיושבים פה ומדברים ביניהם שגם להם פעולה טובה ששכינה שרויה ביניהם וגורמים השראת האור דהקדושה.

אים זען גיין מיט א שטריימל וועט עס נישט טויגן, האט ער אויסגעשפילט און געגאנגען פריער אין בית המדרש אליין, ער האט נישט געווארט אויפ'ן שמש, אזוי האט ער זיך געזעצט אויף זיין פלאץ מיט'ן שטריימל.

ווען דער עולם איז אנגעקומען אין בית המדרש האט מען געזען וואס ס'גייט פאר, האט ער זיך אויסגעבעטען ביי זיי אז **הגה"ק מרן החתם סופר זי"ע** איז דאך אויך געגאנגען מיט א שטריימל, און ער איז דאך געווען אן אויפצי-איידעם ביי **הג"ר יוזפא זצ"ל** [בנו של מרן החתם סופר], ממילא זאל מען אים לאזן גיין מיט א שטריימל[ג].

וואס איך וויל ארויסברענגען מיט די מעשה איז בעיקר די ווערטער וואס דער פריערדיגער רב ז"ל האט געזאגט, "איך געדענק דעם צורה". מ'דארף געדענקען די אלע זאכן, מ'דארף עס באשרייבן און רעדן דערפון, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

**א' מבני המשפחה**: זי האט כל ימיו געהאלטן פאר א זכיה אז דער רבי ז"ל האט געשריבן איר מאמע'ס מציבה [מרת אסתר ע"ה], זי פלעגט אלץ זאגן: "דאס איז נישט סתם געשריבן, דער רבי ז"ל האט דאך געשריבן די מציבה!" די באבע אסתר איז אוועק אין פלארידא שנת תשכ"ה, דער רבי ז"ל האט געשריבן פיר שורות אויפ'ן נאמען 'אסתר'[ד].

---

**ג.** ראה בהקדמה לספר זכרון יהודה, שם מוזכר העובדא בקצרה, וגם נוסף שם עוד פרטים: רבינו [הגה"ק ר' יהודא גרינוואלד זצ"ל] נסע גם להרה"ק רבי יהושע רוקח זי"ע אב"ד בעלזא וזכה שם לקרבות יתירה אצל מרן מבעלזא. וסיפר הרה"ח מו"ה שמואל אהרן צין שליט"א ששמע מפי הגה"צ ר שרגא שמואל שניצלער זצ"ל אבד"ק טשאבא שכאשר זכה להסתופף בצל הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע מבעלזא כשהיה מעון קדשו בעיר ראצפערט בתקופות המלחמה העולמית הראשונה, הזכיר לפניו שהוא תלמידו של רבינו, נענה ואמר לו הרה"ק מבעלזא בזה"ל, אני אגיד לכם מי היה רבכם, דכירנא כאשר בא פעם לבעלזא לשבות בצל קודש אאמו"ר (הגה"ק מהר"י), והמנהג הוא בבעלזא כי ביום שב"ק אינו עולה בקריאת התורה לשלישי כי אם רב אב"ד, וקראו את רבינו לעלות לשלישי, ובענוותנותו של רבינו לא ידע כי קראו אותו לעלות עד שבאו ואמרו לו שעליו נתכוונו, ועלה לתורה, וטרם שבירך ברכת התורה לקח אאמו"ר את השטריימעל שלו ושמו על ראש רבכם (כך נהגו בבעלזא לעלות לתורה), ואמר לי שאסתכל עליו בעת שהוא מברך את הברכות עכ"ל הגה"ק רבי ישכר דוב זי"ע.

**ועל** הערצתם הגדולה של צדיקי בית בעלזא זי"ע לרבינו, יעיד מכתבו של הרה"ח ר חיים אלעזר לאזאר ז"ל מתושבי עיר מאקאווא שהיה תלמיד רבינו. במכתבו לידידו הוא כותב: ובענין מה שסיפרתי למע"כ מה ששמעתי מפה קדשו של רבינו הגאוה"ק מבעלזא זי"ע כך היה המעשה פעם אחת בהיותי בראצפערטא לבקר בהיכל קדשו, ובאתי בכלל הבאים לקבל ברכה מרבינו הקדוש (רבי ישׂשכר דוב זי"ע), היה שם גם הה"ג מביסק שליט"א, והוא ישב לפני רבינו ז"ל ונתן פיתקא ופ"נ עבור רבינו ז"ל, והרבה לדבר עם הה"ג הנ"ל מענין התנהגות רבינו ז"ל. ופתח רבינו הקדוש מבעלזא זצ"ל לספר בזה"ל: "ער איזט געווען אמאל ביים טאטען אויף א שבת אין בעלזא אין קאפעלוטש (אז היה רבינו אב"ד בסאביטיטש ועדיין לא חבש שטריימעל), האט מיר דער טאטע ז"ל (הגה"ק רבי יהושע זי"ע) געזאגט, האסטו געזען דעם אונגארישען רב אין קאפעלוטש דאס פנים לייכט אים פון יראת שמים", עכלה"ק, עכ"ל במכתב הנ"ל לענינינו.

**ד.** וזה נוסח מצבתה: פ"נ א'שה יראת ה' בעלת מעשים טובים, ס'עד ועזר היתה לעניים לרחוקים וקרובים, ת'ורה השרישה בלב כל הנלוים אליה, ר'בים אישרוה בזכיותיה ופרי ידיה, מרת אסתר ע"ה, בת הרבני מו"ה דוד אויש ז"ל, ונכדת הגאון הצדיק ר' עמרם גרינוולד ז"ל, אבי הגאונים הקדושים בעל ערוגת הבושם ובעל קרן לדוד זצ"ל, אשת הרבני מו"ה אליעזר אברלנדר נ"י.

**נפטרה** י"ד לחודש אדר א' שנת תשכ"ה לפ"ק, ושם אמה מרים ע"ה, תנצב"ה.


בס"ד

מתיבתא גבוה

מתיבתא גבוה אהלה של תורה דחסידי פאפא

דחסידי פאפא

# הרשמה למתיבתא גבוה תשפ"ז

ווי שוין וואויל באקאנט איז בברכתו ובעידודו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פאריאר אויפגעשטעלט געווארן די "מתיבתא גבוה" פאר אונזערע היימישע בחורים פון נאך די גיל הישיבה יארן אין קרית פאפא, אשר שמו הטוב הולך לפניו.

**די מתיבתא גבוה האט ב"ה גאר שטארק מצליח געווען, און איז בארימט געווארן אלס מקום תורה וחסידות, און מ'הערט צוריק פון די עלטערן אז די תועלת פון די מתיבתא איז עד אין לשער.**

## אצינד גייט שוין אן די הרשמה צום קומענדיגן שנת הלימודים

איינצושרייבן אייער בחור און צו ערהאלטן א הרשמה אפליקאציע פארבינט אייך מיט

## הרה"ג ר' שמואל קארנבלי שליט"א

ראש החבורה דישיבה גבוה

845-405-3801

ויהי רצון אז מיר זאלן ווייטער קענען מחנך זיין די בחורים ע"ד הסלולה לנו בקודש מרבותה"ק ולהבחל"ח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

בברכת התורה

**הנהלת המתיבתא**



MESIVTA GEVOA O.S.T PUPA
113 CARLTON RD. MONSEY NY
718.789.1213
MESIVTAOST@GMAIL.COM

**מרן שליט"א**: מ'דארף זען צו טון וואס מ'קען טון לטובת נשמתה, עס קומט זיך איר.

**הר"ר שלום בר"מ אבערלאנדער הי"ו**: אפילו נאכדעם וואס איר זון ר' מנחם איז אוועק, האט זי די גאנצע טאג גע'חזר'ט "אין כאלקינו אין כאדונינו", זי האט זיך ח"ו נישט מתרעם געווען אויפ'ן אייבערשטן, זי האט געהאט איין איינציג קינד און דאס פארלוירן, אבער איר תשובה אויף יעדע שאלה איז אלץ געווען "אין כאלקינו".

**מרן שליט"א**: מ'דארף זיך אפלערנען פון דעם, דאס איז נישט געווען קיין געמאכטע מעשיות, דאס איז געווען נאטירליך.

**ר' שלום א"ב**: מיין באבע אסתר ע"ה פלעגט גיין נאך געלט צוזאמען מיט'ן ב"ב פון **הרה"ח ר' יעקב אהרן דייטש ז"ל**, זי האט דאך שטארק געליטן אויף די פוס, ווען זי איז אהיימגעקומען האט זיך שטארק געקרעכצט פון די יסורים, האט מען איר געפרעגט: "באבע, וואס פעלט אויס ארומצוגיין נאך געלט, שיק ארויס ענוועלאופ'ס צו אלע אייניקלעך און באקאנטע, יעדער וועט זיכער געבן", האט מיין באבע געזאגט: "נישט וועגן דעם דארף מען גיין נאך געלט כדי צו 'נעמען' דאס געלט, נאר כדי צו 'וויסן וואו אריינצושיקן' די געלט"...

**כ"ק מרן שליט"א לקח לעצמו מסכת משניות לסיים ככלות השלשים, ונסובה השיחה אודות יום היארצייט של בנה הרה"ח ר' מנחם לאפללער ז"ל שחל איזה ימים קודם ביום ג' אייר.**

**מרן שליט"א**: **הרה"ח ר' מרדכי'לע וועבער הי"ו** פון ארץ ישראל האט דערציילט אז זיין טאטע **הרה"ח ר' אלי' וועבער ז"ל הי"ד** איז נעבער אומגעקומען אין אוישוויץ און ער האט נישט געוואוסט ווען די יארצייט איז, האט ער געפרעגט דעם טאטן ז"ל ווען ער זאל האלטן יארצייט, האט דער טאטע ז"ל געזאגט אז אזויוי ר' אלי'ס טאטע **הרה"ח ר' יואל וועבער ז"ל** איז די יארצייט חמשה עשר בשבט, זאל ער אין דעם טאג האלטן די יארצייט פון זיין טאטן ר' אלי'.

שפעטער איז ר' מרדכי'לע געווען אין ארץ ישראל וואו ער איז געווארן משמש ביי **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע**, איז אויסגעקומען אז ער האט געזאגט פאר'ן רב ז"ל אז ער האלט די יארצייט אויף חמשה עשר בשבט, האט זיך דער רב ז"ל געוואונדערט: "חמשה עשר בשבט איז מען קובע א יארצייט? ס'איז דאך א יומא דפגרא?" האט ר' מרדכי'לע געזאגט: "פאפא רב האט מיר אזוי גע'פסק'נט, האט דער רב ז"ל תיכף צוריקגעצויגן: "אויב אזוי, האב איך גארנישט געזאגט".

**כ"ק מרן שליט"א למד משניות פרק ז' מקואות וקם לנחם**:

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, דער באשעפער זאל אייך טרייסטן איר זאלט באהיטן ווערן פון צער.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הר"ר **ברך מענצער** הי"ו

**שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויתגדל לאילנא רברבא, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר

א בריק צום קשר של קיימא

בסייעתא דשמיא

ירחי כלה לחזות ביקרא דאורייתא

א טאג אין כולל

מיט די עמודי התורה

קרן עמודי התורה

בהערכה עמוקה לעמודי ומחזיקי התורה
הננו מתכוננים ליום מיוחד ומרגש

# בין עמודי

חברי עמודי התורה בין עמודי דגירסא

**יום פנימי ומיוחדת לחברי קרן עמודי התורה**

# דברות קודש

**בעת מעמד 'שלות החיים' מיוחד לאנ"ש תושבי מאנסי עם צאצאים בגיל השידוכים**

**יום ד' עקב תשפ"ו לפ"ק**

## ברכנוכם מבית ה'

אונז זענען זיך צאמגעקומען דא צו א דבר חשוב מאוד, אידן קומען זיך צוזאם און מ'רעדט פון אידישקייט ווייל מ'וויל זיך מחזק זיין און מ'וויל הערן וואס מ'דארף צו הערן.

ווען די עולי רגלים זענען געקומען קיין ירושלים האט מען זיי מקבל פנים געווען מיט'ן פסוק (תהלים קיח, כו) ברוך הבא בשם ה' ברכנוכם מבית ה', פלעגט **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** צו זאגן, 'ברכנוכם מבית השם', עטץ זענטס שוין געבענטשט מיט דעם אליין וואס איר זענט געקומען, די ברכה איז שוין דא.

די כוונה אין די ווערטער איז, אז ווען מ'איז געקומען צום בית המקדש און מ'האט צוגעקוקט די עבודה פון די כהנים האט מען געכאפט א ציטער, האט מען דאך געדארפט האבן א חיזוק, האט מען זיי געזאגט 'ברוך הבא בשם השם'.

די תכלית פון קומען דא איז זיך פארצונעמען די ענינים וואס מ'דארף אהיימנעמען פון דא.

## זמני תשובה מתוך שמחה

כ'וויל רעדן אפאר ווערטער פון חיזוק און נישט אריינגיין אין צופיל פרטים.

ס'איז היינט חמשה עשר באב, ביי חסידים איז דער מנהג אז פון חמשה עשר באב וואונטשט מען שוין א 'כתיבה וחתימה טובה'.

ס'קען זיין דער ענין דערפון, ווייל חודש אלול בלאזט מען שופר כדי צו תשובה טון, ס'איז דאך ידוע אז תשובה איז בדרך 'תקיעה, שברים, תרועה תקיעה', תקיעה מיינט אז דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש גראד, שברים מיינט אז ס'ווערט צעבראכן, ברענגט דאס צו תרועה אז מ'זאל וויינען, נאכדעם ווערט מען צוריק אויסגעגראדט בבחינת תקיעה, דאס איז די עבודה פון אלול, עס כאפט א ציטער!

די ספרדים זאגן דאך סליחות פון חודש אלול, אמאל איז **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** דורכגעגאנגען א ספרד'ישע פלאץ האט ער געזאגט: "אוי געוואלד! זיי זאגן שוין סליחות, וואו האלטן אונז".

עכ"פ, אלול געבט א ציטער, א איד דארף געבן אלול א ציטער, אבער ביי חסידים דארף מען געבן פארדעם צוטרינקען א גלעזל בראנפן, כדי מ'זאל תשובה טון מתוך שמחה, אזוויי ס'שטייט אין פסוק (דברים ג,כט - ד,א) ונשב בגיא מול בית פעור, ועתה ישראל שמע אל החקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם לעשות. 'גיא' מיינט מען וואס איז נידריג אז מ'צעברעכט זיך אזוויי ס'שטייט אין אגרא דכלה (פ' עקב ד"ה ונשב), אבער ועתה ישראל שמע אל החקים, אין ועתה אלא תשובה (בראשית רבה כא,ו), מ'דארף זיך מחזק זיין ביים תשובה טון מיט די תורה הק'.

## המחלה 'אשר ידעת'

חזקו ונתחזקה, אז מ'וויל זיך פארנעמען א זאך דארף מען זיך מחזק זיין מיט א מחשבה, "יא! דער אייבערשטער האט אונז אוועקגעשטעלט אין אזא מין גלות וואס איז אזוי שווער, אבער אונז וועלן עס דורכמאכן! אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), אונז וועלן דורכמאכן די שווערע ווינטן".

וואס איז דאס 'גלות אמעריקא'? אין **ספה"ק ערוגת הבשם** שטייט א ווארט אויפ'ן פסוק די וואכעדיגע פרשה (פ' עקב ז, טו ד"ה וכל מדוי) וכל מדוי מצרים הרעים אשר ידעת לא ישימם בך, זאגט ער אז ס'שטייט אין חובת הלבבות (ראה שער היחוד פרק י) תכלית הידיעה שלא נדע, א איד דארף צו וויסן אויף יעדע זאך, "איך ווייס נישט, איך דארף פרעגן א שאלה". דאס זאגט דער פסוק די מכה פון 'אשר ידעת' או דו ווייסט שוין אלעס, דאס לא ישימם בך [אתד"ק].

ס'זענען געווען צדיקים וואס האבן געקענט פסק'נען פאר אנדערע, אבער ווען ס'איז געקומען צו זיך אין שטוב האבן זיי מורא געהאט צו פסק'נען און זיי האבן געפרעגט אנדערע די שאלה, כאטש זיי זענען געווען תלמידי חכמים און זיי האבן געקענט אליין פסק'נען; מ'האט מורא געהאט צו פסק'נען אליין.

ס'איז געווען א מעשה ביים רב ז"ל פון בעלזא אז מ'איז געקומען זאגן אויף א בגד פון אן אייניקל אז ס'איז נישט אזוי אויסגעהאלטן, האט ער געזאגט אז מ'זאל אים אריינברענגען דער בגד, ער האט געהייסן מ'זאל ברענגען א שערל מיט צוויי עדות און דער רב ז"ל האט געזאגט: "בין איך אין כעס אדער בין איך נישט אין כעס? עטץ זענטס עדות אז איך בין נישט אין כעס", און דער רב ז"ל האט געזאגט: "איך וויל מקיים זיין די מצוה פון ובערת הרע מקרבך", ער האט גענומען דעם שערל און צושניטן דעם בגד.

## מנשב רוח חזק

עס בלאזן זייער שטארקע ווינטן אינדרויסן; מיין חשוב'ער זון **דער רב זאל זיין געזונט [הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א]** האט פריער דערמאנט דעם ענין פון 'חבורת קהלת יעקב', וועל איך נאכגעזאגן פון טאטן ז"ל וואס ער שרייבט אין א בריוו איבער 'חבורת קהלת יעקב'.

דער טאטע ז"ל שרייבט אז ס'איז דא א מאמר "די עפעלע פאלט נישט ווייט פון בוים", שרייבט ער אויף דעם: "אמת, אבער דאס איז נאר ווען ס'בלאזט נישט קיין גרויסע ווינט, אבער טאמער ס'בלאזט א גרויסע ווינט קען יא ל"ע די עפעלע פאלן ווייט פון בוים".

היינט אז מ'גייט אינדרויסן אויף די גאס איז עס אן אפענע וועלט, איך רעד שוין נישט פון די כלים, איך רעד אפילו אנדערע זאכן, ס'איז אן אפענע וועלט, ס'הייבט זיך אן מיט א קלייניגקייט וואס מ'שרייבט אלעס אין די מאגאזינען, און מ'טיילט די מאגאזינען אומזיסט, און יעדער קינד קען אהיימקומען דערמיט.

ס'איז דא דארט אזעלכע זאכן וואס מ'קען זאגן אז ס'איז נישט אזוי איידל, זה בכה וזה בכה, מ'ברענגט אריין - כ'וויל נישט זאגן - א גרויסע פראסטקייט, אפילו א טראפעלע פראסטקייט! אפילו נאר א טראפעלע! וואס דאס קען אנמאכן ווייטער! ווייל היום אומר לו כך ומחר אומר לו כך.

מ'פרעגט נאך אזעלכע שאלות, "ווער זאגט אז ס'איז נישט גוט, יעדער טוט עס, יעדער רעדט אזוי". דאס מיינט אז ס'איז אן אפענע וועלט, אלעס איז אפן, יעדער שרייבט וואס ער וויל.

## חינוך הבנות

מ'האט פריער גערעדט אז א גרויסע ציבור האלט דאך דא שוין ביים חתונה מאכן די קינדער, וואס דער תכלית איז דאך ממשיך צו זיין דורות.

ס'איז געווען אמאל ביים **הייליגן אמרי אמת פון גור זי"ע** אינמיטן די הקפות פאר'ן קריג, וואס דער אמרי אמת האט אפגעשטעלט די הקפות און אנגעהויבן זייער צו וויינען, האט מען אים געפרעגט וואס דאס איז געווען, האט ער געזאגט: "די חשוב'ע טייערע בחורים, פון וואו וועלן זיי נעמען שידוכים, וואס וועט זיין מיט די בית יעקב, מ'דארף דאך האבן ערליכע שידוכים פאר די בחורים".

אין די גאנץ בראשית יארן איז נאכנישט געווען קיין אייגענע בית חינוך, מיין **עלטערע שוועסטער זאל זיין געזונט [הרבנית מטערצאל תליט"א]** און **רביצין כץ תליט"א** די רביצין פון **דער ראש ישיבה [הגאון ר' שמשון כץ] שליט"א** זענען געגאנגען אין סקול וואס האט געהייסן 'דרכי נועם'. אזוי איז געווען אפאר יאר, שפעטער האט דער טאטע ז"ל געמאכט אן אייגענע בית חינוך לבנות.

עכ"פ, דער טאטע ז"ל האט כסדר זיך נאכגעפרעגט פינקטליך וואס עס טוט זיך דארט אין די מוסד דרכי נועם, און דער מנהל פון דרכי נועם איז זייער נתפעל געווארן פון טאטן ז"ל, האט ער געזאגט: "אפשר וויל דער רבי נעמען די מוסד הינטער זיך", האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "איך קען דאס נישט נעמען נאר באופן אז איך קען אריינרעדן אין יעדע זאך, וועր ס'זאל זיין א טיטשער און ווער נישט, און אזוי ווייטער".

## הכל פתוח לכל

היינט הערשט א צומישעניש, דער האט געזאגט אזוי און יענער האט געזאגט אזוי, און אלע קינדער ווייסן וואס מ'רעדט, בפרט מיט די טעלעפאנען הערן די קינדער אלעס. לאמיר זאגן א משל, למשל ס'איז דא א טעלעפאן-ליין פון נייעס, וואס דאס איז אין גרויסע זין מטהר טמאים ומטמא טהורים, ס'איז מטהר טמאים ווייל מ'מוז דאך עפעס הערן און אזוי וועט מען נישט הערן זאכן וואס טויגן נישט און זענען אינגאנצן טריפה אזוויו ראדיא וכדומה, אבער פון די אנדערע זייט הערן די קינדער די אלע שטותים און אדווערטייזמענט'ס פון די גאס.

די קינדער הערן אלע פארשידענע סארט אדווערטייזמענט'ס; לאמיר זאגן בנוגע מאכלים, אז עס פאלט איינעם איין צו מאכן א סארט מאכל - איך קען נישט אזוי גוט די אלע שמות נרדפים, צי זאל עס זיין סושי מיט אנדערע זאכן וואס קומען ארויס יעדן טאג נייע זאכן - דער וואס מאכט דעם מאכל טוט אדווערטייזן אז ער


הכנסת אורחים
דחסידי פאפא

בהכרת תודה אנו שולחים בזה ברכותינו עמוקות, מול האי איש אשר רוח בו, נודע ומפורסם בשערים, איש המעש והחסד, ידו נטויה לכל דבר טוב, איש נאמן למלאכתו, מוכתר בכתר שם טוב, נקי כפים ובר לבב, נדיב לב, נערץ ומשובח בפי כל, אהוב ונחמד לכל יודעיו, מקבל כל אדם בלב שלם וברוח צהלה, מכניס הרחבת הדעת בלב אנ"ש הבאים להסתופף בצל הקודש לחצרות בית ה' משך השנה, ה"ה

הרבני הנכבד מוה"ר **שאול יחזקאל קליינבערגער** הי"ו

**בעל המלון 'פוינט-פלאזא'**

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו למזל טוב עם החתן המופלג מרדכי אלי' הי"ו בן הר"ר יואל ווייס הי"ו

**ובהאי זימנא נביע בשער בת רבים רוב מסירותו למען אנשי שלומינו; הוא הגבר אשר משליך נפשו מנגד בעת מתן המלון 'פוינט-פלאזא' למקום בית ועד אנ"ש לאורחים הבאים להסתופף בצל הקודש משך מועדים וירח האיתנים!**

יתן השי"ת שאך טוב וחסד ישכון באהלו, עושר ואושר יריצו אחריו, ויתברך בכל מילי דמיטב, ויזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ומן שמיא ישפע שפע רב עליו ועל כל ביתו, חיי ארוכי, בני ברוכי, מזוני רויחי, אמן כן יהי רצון אמן ואמן.

**המברך בשם ועד הכנסת אורחים - יוסף שפיטצער**

פארקויפט דעם מאכל, נאכדעם ווערט עס שוין אז 'עדער' קויפט עס, און נאכדעם קומט דער קינד אהיים פרעגן פארוואס מ'קויפט נישט דעם מאכל...

## היום אומר לו כך

צדיקים האבן געזאגט: "דייטשלאנד איז חרוב געווארן וועגן מילכיגע סעודת ברית מילה", דאס הייסט אז ביי חסידים האט מען מדקדק געווען אז מ'זאל נישט מאכן קיין מילכיגע סעודת ברית מילה, און אז מ'האט עס מבטל געווען איז וועגן דעם דייטשלאנד חרוב געגאנגען.

לכאורה קען מען עס אנקוקן, "ווער זאגט אז מ'טאר נישט, מ'קען נישט עסן צופרי קיין פליישיג, לאז אפ, ס'איז גוט, ס'וועט זיין פיין, ס'איז וואויל, מ'וועט מאכן מילכיגע סעודות". אבער וואס האט דאס געברענגט?! אז דייטשלאנד איז חרוב געגאנגען!

וואס מיינט דאס? מ'הייבט אן ביי א קליינגקייט! דער בעל דבר קומט מיט קליינגקייטן, ער זאגט אז דאס קען מען נישט, און 'עדער' מאכט דאס, און ער גייט אין א קאנטרי וואס ס'איז נאך גאנץ פיינע אידן... מ'קען זיך נישט אפרעדן; און אזוי ווייטער.

## לכתחלה'דיגע אידן

אין בעלזא איז געווען א מעשה אז מ'האט געפרעגט פון **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** אז ס'איז געווען א ספר תורה וואס דער סופר האט זיך נישט מתנהג געווען בטהרה, האט מען געפרעגט א שאלה וואס מ'טוט מיט אזא ספר תורה. על פי הלכה קען מען נאך דן זיין צי מ'קען פסל'ן דער ספר תורה, האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט אזוי: "ס'איז דא א שול אין לעמבערג וואס עס דאווענען דארט שוואכע אידן, היכי דמי שוואכע אידן, שטעל דיר פאר וואס טוט מען דארט ביים דאווענען, איינער קוקט דעם צווייטנס שיך ווער ס'האט שענערע שיך, דער ספר תורה וועט צופאלן צו אזא שול"[א].

וואס מיינט דאס פאר אונז? אונז זענען נתגדל געווארן און אונז זענען געווארן אוועקגעשטעלט אויף לכתחלה'דיגע יסודות, אונז זענען לכתחלה! אז מ'באלאנגט צו אונז איז מען נישט קיין בדיעבד'דיגע אידן!

## אופן האדווערטייזמענט'ס כהיום

דאס איז נוגע אין אלע שטחים, לדוגמא א חלק וואס מ'דארף וויסן - וואס מ'האט שוין פריער גערעדט - אז מ'דארף זיך שטעלן אין שטוב אויף אלע ענינים, מ'דארף זיין א שותף אין שטוב, מ'קען נישט זאגן אז איך גיי מיר מיין וועג און די רבנים זאלן זיך אליין זארגן, די סקול זאל זיך אליין זארגן.

ניין! אונז לעבן אין א וועלט וואס עס בלאזט א גרויסע ווינט, אז מ'גייט ארויס דארף זיך יעדער האלטן די קאפל מיט'ן היט אז עס זאל נישט אראפפאלן.

ס'בלאזט א ווינט אז די קינדער זעען אלע אדווערטייזמענט'ס וואס טוט זיך אויף די גאס, וואס דאס גייט אז היום אומר לו

---

**א.** כ"ק מרן זצוק"ל מביא העובדא בשו"ת ויען יוסף (יו"ד חלק ג סימן ש): ואספר לך עובדא ששמעתי, שסיפרו פעם להגה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע, שיש בשכונתם בעיר אחד סופר שכותב ספרי תורה והוא קל שכשיוצא מבית הכסא אינו נוטל את ידיו, והשיב להם, הנה בעיר לעמבערג יש בית הכנסת אחת שהאנשים שבאים שם להתפלל מסתכלין באמצע קריאת שמע או שמונה עשרה אחד על חבירו אם יש לו אויסגעפיצטע שטיוול או לאו, וכדומה לזה, והנה ספר תורה שהסופר הלז כותב אינו [ראוי] רק לבית הכנסת כזה, והוא מין במינו, ספר תורה כזה שייך לבית הכנסת כזה, עד כאן שמעתי.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הר"ר **צבי עוזר ניישלאס** הי"ו

**שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת הולדת הבת למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלה לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

כך ומחר אומר לו כך, ס'בלאזט א ווינט אויף די גאנצע מהלך המחשבה און די גאנצע געדאנק, וואס מ'זאל טון, וואסערע בגד מ'זאל אנטון, וואסערע מאכלים מ'זאל עסן, און צי וועלכע שבתים מ'זאל גיין, אדער ווי מ'רופט עס "שַׁבַּתּוֹ'ס"... איך רעד נישט פון די שבתים פון ארגאנעזאציע'ס וואס מ'דארף צאמנעמען ספעציעלע אידן, איך רעד סתם אז מ'פארט אוועק.

זאל עס זיין אז ווען מ'פארט אויף קערעסטיר אדער ליזענסק דארף מען האבן די אלע מאכלים, ווי מ'זאגט "צו גאט און צו לייט". דאס קילט דאך אפ די גאנצע מעשה! אזוי פארט מען קיין ליזענסק? מ'אדווערטייזט אז ס'איז דא די בעסטע מאכלים, און מ'שרייבט דאס נאך ארויס אויפ'ן צעטל... אויפ'ן צעטל שרייבט מען אז ס'וועט זיין זייער א געשמאקע אווענט מיט געשמאקע מאכלים... צו דעם גייט מען? דאס איז דאך א שטיק פראסטקייט! געשמאקע מאכלים...

אודאי דארף מען מאכן אין שטוב געשמאקע מאכלים, און פאר בחורים אין ישיבה דארף מען קאכן געשמאקע מאכלים זיי זאלן האבן כח צו זיצן און לערנען, אבער מ'מאכט אזא אדווערטייזמענט?!

## ובחרת בחיים

אין **חתם סופר** שטייט א ווארט (דרשות חתם סופר חלק א - פ' כי תבא תקפ"ט), אז משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן (פ' נצבים ל, טו) ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב את המות ואת הרעה, ווייטער שטייט (פסוק יט) ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך. לכאורה דארף מען פארשטיין, דער פסוק הייבט אן מיט 'חיים וטוב', אבער נאכדעם זאגט ער נישט 'ובחרת בחיים ובטוב' נאר 'ובחרת בחיים'.

זאגט דער חתם סופר אזא מין אינטערעסאנטע רעיון, אז ס'איז פארהאנען אן ענין פון 'טוב', טוב איז א מדריגה וואס א איד גלייבט אז ס'איז טוב, ער וויל זיך פירן ערליך ער וויל דינען דעם אייבערשטן וויל ער ווייסט אז דאס איז טוב, נאכדעם איז פארהאנען א צווייטע זאך נישט אז ער ווייסט אז ס'איז טוב, נאר ער האט זיך מרגיל געווען אזוי און דאס איז זיין לעבן, ער קען נישט אנדערש, ער מוז דאווענען, ער מוז לערנען, ס'גייט אים אין לעבן, נישט ווייל ער גלייבט אז ס'איז טוב, אודאי גלייבט ער דערין אבער נישט צוליב דעם טוט ער עס, נאר ער טוט עס ווייל ער קען נישט טון אנדערש.

דאס מיינט 'ובחרת בחיים', רש"י זאגט ובחרת בחיים אני מורה לכם שתבחרו בחלק החיים, כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי. לכאורה דארף מען פארשטיין, 'חיים ומות' דארף מען דען ווייזן פאר'ן קינד וועלכע ער זאל זיך אויסוועלן?

נאר פשט איז, חיים ומות כפשוטו ווייסט טאקע יעדער וואס צו אויסוועלן, אבער דו זאלסט בוחר זיין 'ובחרת בחיים', זאלסט דיר מרגיל זיין אז תורה ומצוות איז דיין לעבן, וואס טאמער דו וועסט דיר מרגיל זיין אז דאס איז דיין לעבן איז דאס איין המשך אויף ווייטער, עס בלייבט ווייטער פאר דיינע קינדער, למען תחיה אתה וזרעך. ער זאגט נאך דארט א גאנצע הסבר, אבער כ'וועל נישט מאריך זיין אין דעם.

## חייל בצבא היהודי

דאס איז די זאך וואס מ'דארף צו וויסן, אז אונז לעבן אין גלות אמעריקא, גלות אמעריקא איז קאלטקייט, ס'איז א מהלך המחשבה פון, "פארוואס פארפירסטו, פארפיר נישט".


חסדי יוסף
דק"ק פאפא, מאנסי יצ"ו

ברגשי ורחשי הערכה הנני להביע בזה את מיטב ברכותינו, מול האי איש חי ורב פעלים, ירא ה' ההולך בדרכיו, נבון וחכם, עוסק בצרכי ציבור באמונה ובמסירות נפלאה, איש האשכולות, כביר המעש, מסור ונאמן לכל דבר טוב בקרב אנ"ש, ה"ה

הרב **יעקב יחזקי' אבערלאנדער** שליט"א

**מגדולי עסקני קהלתנו ומראשי הנהלת קופת חסדי יוסף**

לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב עם החתן המופלג יהושע דוד דייטש ני"ו ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא בן הר"ר חיים אביגדור דייטש הי"ו

**ברכת מזל טוב מיוחדת שלוחה בזה לסב החתן הרה"ח ר' משה שמואל דייטש הי"ו מחשובי עדתנו פה מאנסי**

יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובים, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים מקרב הלב - ועד הנהלת הקופה**

כ'וועל געבן נאך א דוגמא. ביי אונז איז מען דאך חסיד'ישע יונגעלייט קען מען אביסל רעדן... ס'זענען דא אידן וואס זענען מקפיד אז מ'טאר נישט גיין אין מקוה אן א שויער; אבער וואס איז ביי אים א גרעסערע עבירה, אז מ'איז געגאנגען אין מקוה אן א שויער אדער אז מ'האט געדאווענט אן א מקוה?...

מ'דארף אויפפאסן אויף די מהלך המחשבה ביי די לבוש, סיי ביי מענער און כל שכן ביי נשים, ס'איז דא אזא מהלך המחשבה, "כ'וויל נישט זיין יאנטשי"... יאנטשי אהער יאנטשי אהין, אז ס'גייט מיט א שטאלצקייט, איז נישט דא די גאנצע פראבלעם.

האט מען דען אמאל געהערט אזא זאך אז א סאלדאט גייט אין מלחמה און ער טוט זיך אן א גרינע בגד פון א סאלדאט, זאל ער זיך פילן עפעס צעקלאפט דערוועגן?... וואס הייסט? ער איז א סאלדאט! ער טוט אן דער בגד מיט א שטאלץ! אונז זענען אלע סאלדאטן פאר'ן אייבערשטן, סיי די נשים און סיי די אנשים, מ'דארף האבן שטאלצקייט!

## לא לפנק הבנים

עס קומען דאך ארויס יעדן טאג נייע זאכן, גייט מען און מ'מאכט א זאך אז די דזשודעיקע-געשעפטן מאכן אז דאס קינד זאל זיך קענען אויסוועלן אזא שיינע תפילין בייטל מיט אזא שיינע תפילין בייטל. וועט איינער קומען זאגן, "וואס מאכסטו אן עסק? פארוואס קענסטו נישט באשטיין אז דער קינד זאל זיין פריילך?"

רבונו של עולם! וואס גייט זיין ווייטער! די שיינע תפילין בייטל ענדיגט זיך נישט ביי דעם, נאכדעם פרעגט מען דאס קינד, "טַאטְעלֶע, וואס ווילסטו אזא מין אייז-קרים קעיק ביי די בר מצוה אדער אזא מין", מ'דארף דאך אים מאכן פריילך... און אזוי ווייטער מיט אנדערע זאכן וואס מ'דארף אים מאכן פריילך.

רבונו של עולם! אזוי מאכט מען פריילך קינדער?! וואס וועט זיין ווייטער, נאך די בר מצוה וויאזוי וועט מען פריילך מאכן דאס קינד?

די ריכטיגע אופן וויאזוי מ'מאכט פריילך דאס קינד איז ווען מ'זאגט אים, "אה! האסטו געזאגט א שיינע תורה!" אדער, "כ'הער זייער גוטע גריסן פון דער מלמד", מ'זאגט אים א גוט ווארט איבער זיינע מדות טובות, מ'זאגט אים ווי ערליך ער האט געדאווענט; דאס מאכט פריילך א קינד! אז מ'געבט אים א גוט ווארט ווערט ער דען נישט פריילך?!

מ'זאגט היינט פאר א ווערטל, אז מ'האט שוין נישט וואס צו קויפן פאר אפיקומן, מ'האט שוין אלעס געקויפט א גאנץ יאר, ער האט שוין א ש"ס, ער איז שוין געווען אפילו אין קערעסטיר, ער איז שוין געווען אין מירון, כ'האב שוין נישט וואס צו קויפן פאר אים, כ'האב אים שוין נישט מיט וואס צו מאכן פריילך...

היינט זענען דא אנדערע סארט נסיונות. אמאל איז געווען נסיונות פון דחקות, מ'האט גארנישט געהאט, מ'האט זיך געמוטשעט אויף יעדע דאללאר, היינט איז אנדערע מין נסיון, דער קינד ווייסט אז ס'איז גארנישט, מ'קען פארן איבעראל, ער קומט צום טאטן, "טאטי, יעדער פארט ל"ג בעומר אויף מירון איך וויל אויך פארן"; וואס גייט דא פאר? דאס איז גלות אמעריקא!

ממילא דארף מען צו וויסן וויאזוי מ'מאכט פריילך די שטוב, מ'דארף זען אז אלעס אין שטוב זאל גיין צוזאמען בשותפות, און מ'דארף וויסן אז אונז זענען לכתחלה'דיגע אידן, איי דער דיין האט געזאגט אז מ'מעג און יענער דיין האט געזאגט אז מ'מעג? דארף מען וויסן, "איך בין נישט אינטערעסירט אז יענע דיין האט געזאגט אז מ'מעג, און פארטיג! איך טו אזויווי מ'לערנט ביי אונז".


גשר לקשר

מעומק הלב באנו בזה לאחל ברכותינו ואיחולינו ברכת מזל טוב מעומק הלב, לכבוד ידידנו היקר, לבו הזהב פתוח ברווחה לעמוד בעין יפה ורוח נדיבה לימין פעולות הברוכות של הארגון 'גשר לקשר', ובכל זמן ועידן מקבל את פני העסקנים החשובים בסבר פנים יפות, ובזה נותן חיזוק ועידוד להעסקנים להמשיך עם הפעולות למען הקים בתים נאמנים בישראל, ה"ה

**הר"ר אליעזר זוסיא ברע"י בר"נ גרינוואלד הי"ו**

לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לכל הברכות האמורות בתורה, עושר ואושר ירוצו אחריו, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי מתוך הרחבת הדעת, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המברכים מקרב הלב

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

מ'ווייסט נישט און מ'כאפט זיך נישט אז מ'דארף זיך היטן אז דער בעל דבר זאל אונז נישט פירן, אזויווי מ'זאגט אן אויסדרוק, "ער פירט אונז אין באד אריין", מ'דארף וויסן אז עס אינטערעסירט מיר נישט וואס יענער זאגט, נאר מ'דארף פרעגן ערליכע אידן, און וואס עס שמעקט נישט פאר ערליכע אידן מיט דעם דארף מען גיין, נישט אלץ דארף מען אלעס פארשטיין.

אבער די גאנצע זאך דארף זיין באופן פון "ובחרת בחיים", ס'דארף זיין מיט א צופרידנקייט, דאס איז די תכלית וואס אונז זענען זיך דא צאמגעקומען.

באזונדער דארף מען וויסן אז די שטובער דארפן אויסקוקן אזויווי מ'דארף אויך אין די עלטערע יארן, מ'זאל נישט מיינען אז מ'איז שוין עלטער, נאר מ'ווערט קיינמאל נישט פערטיג.

## ברכות לרוב

ס'איז היינט חמשה עשר באב, ס'הייבט זיך אן די הייליגע טעג, לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכו' שבהן בנות ירושלים יוצאת וחולות בכרמים מה היו אומרות בחור שא עיניך וכו'.

זאל דער אייבערשטער העלפן אונז זאלן זוכה זיין צו דערלעבן נחת ביי קינדער און קינד'ס קינדער, מ'זאל טון גוטע שידוכים, יעדער זאל זיין געזונט און די וואס דארפן א רפואה זאלן האבן א רפואה, די וואס דארפן ישועות זאלן געהאלפן ווערן מיט ישועות.

זאלן אונז זוכה זיין צו אויפטון וואס מ'דארף אויפצוטון, מ'זאל זיך קענען צוגרייטן צו די הייליגע טעג, ס'זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, די זכות פון אונזערע עלטערן זאל אונז ביישטיין, מ'זאל זוכה זיין צו ישועות כל ישראל, צו א כתיבה וחתימה טובה, צו כל מיני ישועות און כל מיני השפעות טובות אמן.

* * *

# דברות קודש

**לבחורי מתיבתא גבוה 'אהלה של תורה' דחסידי פאפא**

**יום ה' ראה תשפ"ו לפ"ק**

## בין הזמנים

ס'איז יעצט א זמן וואס ביי אנדערע ישיבות איז יעצט 'בין הזמנים' אדער 'סוף זמן', בין הזמנים איז רובץ בין המשפתים, דאס טייטשט אז צווישן די זמנים לערנט מען ווייטער, ס'איז נישט דא קיין סוף זמן, ס'ענדיגט זיך קיינמאל נישט, א איד איז געמאכט צו ארבעטן, אז מ'ליגט זיך שלאפן און מ'הערט אויף צו ארבעטן וועפט מען אויס, עס טויג נישט.

דאס דארף זיין בכלל די מחשבה קעגן דער יצר הרע וואס מאכט טראכטן, "עה, וואס וועט שוין זיין מיט מיר, פון מיר וועט שוין גארנישט זיין, לאמיר אביסל נאכלאזן"; דארף מען וויסן אז פון שלאפן וועפט מען אויס! עס טויג נישט! מ'דארף כסדר ארבעטן.

## פאפא בחורים המיוחדים

נו, ברוך ה' אז מ'הערט גוטע גריסן פון ענק. מ'לערנט יעצט מסכת קידושין, דאס איז א מסכת פון מוסר, תוספות זאגט דאך (קידושין ב: ד"ה דאסר לה) אז קידושין האט צוויי טייטשן 'אסור לכל העולם' און 'מיוחדת לו', דאס דארף מען צו וויסן אז דאס וואס איז אונז זענען 'מיוחדת' מאכט עס אין געוויסע זין אז געוויסע זאכן זענען ביי אונז 'אסור'.

מ'זאגט נאך פונעם **וויזניצער רבי'ן הרה"ק האהבת ישראל זי"ע**, אז ס'זענען אמאל געקומען שוואכערע אידן און געפרעגט: "פארוואס זאלן מיר נישט ארבעטן צוזאמען, אונז האבן דאך איין פאטער?" האט דער וויזניצער רבי געענטפערט: "אונז האבן טאקע איין פאטער, אבער אונז האבן נישט איין 'מוטער', וואס ביי אייך איז 'מותר' איז ביי אונז אסור"...

אין אנדערע ווערטער, אונז זענען 'מיוחדת', אונז זענען חשוב'ע בחורים, אונז זענען חסיד'יש'ע בחורים, אונז זענען פאפא בחורים; וואס ביי אייך איז מותר איז ביי אונז אסור, אונז זענען אנדערש פון די גאס! אויף דעם דארף מען זיך האלטן שטאלץ און שטארק.

ממילא דארף זיין א דבר פשוט אז א בחור דארף זיך היטן פון אלע זייטן, אבער דער עיקר איז אז מ'האט א חיות אין עבודת ה', מ'פירט אן אלע זמנים אזויווי עס דארף צו זיין, מ'קומט זיך צוזאם צי פרייטאג צונאכטס, צי שלש סעודות, צי מוצאי שבת, צי אנדערע סעודות.

## התרחקות משמיעת חדשות

מ'קומט זיך צוזאם יעדן טאג און מ'רעדט פון איידעלע זאכן, מ'רעדט פון סיפורי צדיקים, מ'ברענגט נישט אן די צייט מיט שטותים און נארישקייטן פון די וועלט, וואס די אלע נייעס-קוועלער האבן נישט וואס צו טון, זיי מוזן דאך עפעס זאגן זאגן זיי כל מיני שטותים און נארישקייטן.

איינער האט אמאל געזאגט אזוי: יעדן טאג קומען ארויס צייטונגען, איך האב נאכנישט געזען קיין צייטונג וואס זאל ארויסקומען זאגן 'היינט האב איך נישט קיין נייעס'... ס'איז נישט דא אזא זאך, פארוואס? ווייל ער האט נעבעך נישט וואס צו טון, מ'דארף מיט עפעס פארברענגען די צייט, טרעפט ער שוין עפעס צו זאגן.

אבער אונז האבן ברוך ה' אלץ וואס צו טון, אונז דארפן דאס נישט, אז מ'טוט אין ערנסטע זאכן נעמט דאס נישט קיין עק, ס'איז

דא אזויפיל וואס צו טון, ס'איז דא פארשידענע ספרים, חסיד'ישע ספרים און סיפורי צדיקים. פארשטייט זיך אז מ'הארעוועט, מ'זיצט און מ'לערנט, מ'ליגט זיך אריין די קאפ אין לערנען.

## אופן הלימוד

ווען מ'לערנט דארף מען וויסן אז מ'דארף פארשטיין וואס מ'לערנט, מ'לערנט נישט אבי יוצא צו זיין, מ'קען נישט סתם אריינקוקן אין די גמרא, נישט אזוי לערנט מען. דאס זעלבע זאך איז מיט חסיד'שיע ספרים, די חסיד'ישע ספרים איז געמאכט פאר יעדעם, יעדע איד דארף וויסן, "דאס איז געמאכט פאר מיר". כאטש עס זענען דא דארט זאכן וואס זענען געמאכט פאר בעלי מדרגות, קען זיך אבער יעדער אפלערנען עפעס פון דעם.

## נסיעה לארה"ק

יעצט אז עטץ פארטס אויף א נסיעה קיין ארץ ישראל, וויל איך ענק פשוט זאגן, אז איינער פארט אויף אינטערעסאנטקייט, וואלט איך אים געזאגט, "ווכטס אינטערעסאנט קענסטו אויך פארן קיין שווייץ, ס'איז דא דארט אינטערעסאנטע בערג, אויך אין אמעריקא קענסטו טרעפן אסאך אינטערעסאנטע פלעצער, אין די גאנצע וועלט קענסטו טרעפן אינטערעסאנטע פלעצער; פארוואס דארפסטו פארן דווקא אויף ארץ ישראל"...

אלא מאי, מ'דארף צו פארן קיין ארץ ישראל ווייל מ'פארט אויף מקומות הקדושים, ובאופן זה דארף מען פארן קיין ארץ ישראל, דער יצר הרע איז ווייטער דא דארט אז מ'פארט בלויז אויף אינטערעסאנטקייט, אבער מ'דארף וויסן אז מ'פארט אויף מקומות הקדושים.

אודאי פארט מען מיט א חשק, מ'וועט אויפטון וואס מ'דארף צו אויפטון, און דאס ברענגט אמונת צדיקים, די צדיקים זענען נהנה אז מ'זאגט אפאר קאפיטלעך תהלים אויף זייער מקום מנוחתם, דאס איז א גרויסע זאך, און אז מ'גלייבט אין דעם איז דאס אליין ממשיך זייער השפעה; מ'דארף האבן אמונת צדיקים.

זאלטס עטץ אלע זיין געזונט, און איך וועל ענק ווייטער אינזין האבן.

באנו בזה לברך ברכת מזל טוב מול מעלת כבוד ידידנו היקר והחשוב המהולל בתשבחות, מושיט יד ועזרה לכל דבר שבקדושה, מובחר במעלות ובמדות נשגבות, וכתר שם טוב עולה על כלנה, קובע עתים לתורה ולתפלה אשר כל רואיהם יכירו ויאמרו כזה ראה וקדש, כבוד שמו משבחים ומפארים, ה"ה

ידידנו היקר
הר"ר **אהרן**
**גאנצפריעד** הי"ו
**מגדולי תומכי כוללנו הק'**

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב עם החתן החשוב הר"ר ברוך שווארץ הי"ו בן הר"ר משה אליעזר שווארץ הי"ו

ברכת מזל טוב שלוחה בזה לכבוד אביו החשוב, איש יקר רוח, עסק כל השנים במסירות נפלאה בלי ליאות למען פריחת בית פאפא, מפארי וחשובי זקני עדתנו פה עיר מאנסי, ה"ה

**הרה"ח ר' הערש לייב גאנצפריעד הי"ו**
**מותיקי עסקני בית פאפא כל השנים**

ויהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת חדוה ותענוג דקדושה מכל יוצ"ח, ותמיד ישמע בגבולו רק ששון ושמחה, ויתאחדו על שלחנו תורה וגדולה במקום אחד, אך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו עד זקנה ושיבה טובה, ובקרוב נעלה לציון ברנה, עם מלכנו בראשנו במהרה בימינו אמן.

**המברכים בהוקרה ושמחים בשמחתו**
הנהלת הכולל



# חדשות על המערכת

## פרשת כי תצא תשפ"ו

שמחת בר מצוה פון הבחור **פרע"ח יוסף בן חדב"ן הרה"צ רבי אהרן כ"ץ שליט"א**, ג' כי תצא **5 < 2 < 4 < 8**

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א **ע"י שידור-חי** לבחורי מתיבתא גבוה 'אהלה של תורה' דחסידי פאפא **אצל ציון הקדוש של כ"ק מרן מבעלזא זי"ע 2 < 6**

**דרשת הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א** רב דקהלתינו מאנסי, ביים מעמד חנוכת הבית למשרד החדש של **ועד העירוב דעיר מאנסי 4 < 4 < 1 < 3**

**וועכנטליכע שמועס 'הליכות בקודש'** דורך האברך החשוב **הרב יוסף לעווי שליט"א 4 < 1 < 4**

**וועכנטליכע אינהאלטסרייכע שמועס בענין 'הודאה'** איבערגעגעבן בטוב טעם ודעת דורך האברך החשוב **הרב יוסף ווייס שליט"א 4 < 1 < 7**

**שיעור בעניני ממונות,** דורך **הרה"ג רבי דוד לייב פישער שליט"א** מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו, במסגרת 'ארגון שיעורי תורה' בביהמ"ד הג' **4 < 2 < 7 < 5**




ווערט אפדעיטעד עטליכע מאל א טאג | אזוי אויך גייט ארויף סוף וואך ענינים בפרשה מפי מגידים מפורסמים

## 'עתיקא קדישא'

וועכענטליכע פראגראם 7←5

### פרשת שופטים

ניגון 'אור חדש' סקולען, שהיה חביב מאוד אצל כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל

### פרשת כי תצא

ניגון 'אחת שאלתי' סטרעליסק - מושר בחצרות קדשינו על 'היום הרת עולם'

מערכת פאפא

המפעל לתורה וחסידות

קול קהלת יעקב

קו אנ"ש חסידי פאפא

**718.480.7872**

PUPA


1 **מהנעשה והנשמע בחצרות קדשינו**

2 **מדור 'דברות קודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
- **#1 לבחורי הישיבות ובני הכולל**
- #2 ביקורי האדמורי"ם שליט"א
- **#3 הספדים**
- #4 ניחום אבלים
- **#5 שונות**
- #6 משנים קדמניות
- **#7 תפלות**
- #0 דברות קודש בולעטין

3 **מדור 'קולו בקודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל
- **#1 דרשות**
- #2 מעמדים
- **#3 הספדים**
- #4 מועדים
- **#5 תפלות**

4 **שיעורים ודרשות**
- **#1 שיעורי יומי ושבועי**
- #2 שיעורי הלכה
- **#3 מועדים וזמנים**
- #4 עניני תורה ועבודה
- **#5 סיפורי צדיקים והיסטוריה**
- #6 עומדים על הפרק
- **#7 שונות**
- #0 דרשות ושיעורים בולעטין

5 **תפילות טישן ומעמדים**
- **#1 מועדים וזמנים בצל רבותינו הק'**
- #2 שמחות בית פאפא
- **#3 סיומי והגית**
- #4 דינערס לטובת מוסדותינו הק'
- **#5 מסיבות וטיי אווענט'ס**
- #6 מעמדים, קבלת פנים, וחנוכת הבית
- **#7 חומש סעודה'ס**
- #8 שאר מעמדים

6 **מדור 'זכות אבות'**
- **#1 הספדים על רבותה"ק ומשפחת המלוכה**
- #2 יומא דהילולא של רבותה"ק בצל הקודש
- **#3 'נסיעות' של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
- #4 סיפורי צדיקים מפי תלמידים וחסידים

7 **ניגונים ונוסחאות**

9 **שידור חי, ולהשאיר הודעה**

0 **חדשות על המערכת**

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

### מגדל דור של חסידות

## סיפר הר"ר **אפרים מנחם בערקאוויטש** הי"ו:

**בעת** שישב אבי **הרה"ח ר' מתתי' בערקאוויטש ז"ל** שבעה על פטירת אביו **הרה"ח ר' ברוך יודא ז"ל** בחודש אייר תשל"ד, הגיע כ"ק מרן זצוק"ל לנחמו, בין השאר נסובה השיחה אודות תקופת אנטווערפן ושאל אבי מאת מרן ז"ל: "דער רבי געדענקט נאך די בריוו וואס דער אלטער ליובאוויטשער רבי - ר' יוסף יצחק האט געשריבן פאר'ן רבי'ן?" התפלא מרן ז"ל: "דו געדענקסט דעם בריוו? מ'האט געוואוסט פון דעם בריוו?" השיב אבי ואמר: "אודאי האט מען געוואוסט פון דעם בריוו".

**אז** התחיל מרן ז"ל להיאנח מעומק הלב ואמר: "אוי ווי, איך האב נישט געוואוסט די חשיבות וואס עס מיינט א בריוו פונעם ליובאוויטשן רבי'ן, און איך האב שוין נישט יעצט דעם בריוו, אבער איך קען נישט פארשטיין וויאזוי איז דער ליובאוויטשער רבי אנגעקומען צו מיר?

**אמר** אבי לפני מרן ז"ל: "דער רבי געדענקט ר' אברהמ'לע?" - וסיפר אבי לפני מרן ז"ל ששם בעיר אנטווערפן התגורר יהודי אחד מחסידי ליובאוויטש, ושמו ר' אברהמ'לע, ובעיניו היה הדבר יקר מכל הון דעלמא אשר נמצא בעיר מגוריו רבי חסידי עם חסידים, המגדל בחורים יראים וחסידים באמת, והיה אותו חסיד עומד לימין מרן ז"ל לסייעו בכל אשר היתה ידו משגת. ויהי היום, בבוא עת הנסיעה לקראת יום י"ט כסליו אל רבו המהריי"צ מליובאוויטש, סיפר לפניו כי באנטווערפן נמצא רבי המגדל בחורים בדרך החסידות.

**המהריי"צ** נתפעל מאוד למשמע הדברים, ומיד כתב מכתב קודש אל מרן ז"ל ותוכן מכתבו הוא ששמע שהרבי מגדל בחורים בדרך החסידות, והוא רוצה לידע במה יוכל להיות לו לעזר. אז השיב לו מרן ז"ל במכתב ארוך ומפורט, ובו גילה לפניו את כל סדר השתלשלות והנהגת הישיבה[א].

---

**א.** ויצויין מה שסיפר הר"ר אהרן פעדער הי"ו שלאחר שעזב כ"ק מרן ז"ל אנטווערפן בדרכו לאמעריקא, הלך אביו הרה"ח ר' אברהם יהושע פעדער ז"ל ופינה את ביתו נאוה קודש של מרן ז"ל באנטווערפן, ושם מצא את מכתבו של האדמו"ר המהריי"צ מליובאוויטש מוטמן תחת ארגז.

### מבית הצדיק ניתנה רשות

## סיפר הר"ר **פישל דייטש** הי"ו:

**באחד** מן הימים עמד אבי **הרה"ח ר' דוד דייטש ז"ל** בבוקר משנתו והרגיש שפניו נעקמו, הוא הלך אל הרופא דאקטער בענדער ונתברר שסובל משטף דם ל"ע (-סטראויק). משמשמעתי זאת חשבתי דרכי לעבר ביתו נאוה קודש של כ"ק מרן זצוק"ל והזכרתי לפניו את אבי לרפואה שלימה, אמר לי מרן ז"ל: "נאך מעריב ברענג אריין דיין טאטן צו מיר אין שטוב".

**אחר** מעריב נכנסתי יחד עם אבי אל הקודש, מרן ז"ל התעניין אצל אבי בכל פרטי החולי, ובכל מה שאמר הרופא. אחר זאת נטל את הספר 'עבודת הקודש' להחיד"א, והחזיק בידו הימני את ידי הימין של אבי, וידו השמאלית הניח על מצחו, וכה עמד שם למשך זמן של עשר דקות ואמר כמה תפלות מתוך ספר עבודת הקודש, אחר כך שלח מרן ז"ל את אבי הביתה.

**למחרתו** עמד אבי משנתו, ויהי לפלא שנסתלק כל החולי, כאשר בא כן ילך, ולא נודע כלל כי באו אל קרבנה.

### שלח ידו וירפאם

## עוד סיפר הר"ר **פישל דייטש** הי"ו:

**פעם** תקף לאבי הרה"ח ר' דוד דייטש ז"ל יסורים גדולים על המעיים, עד שלא היה יכול לבא בין אנשים ולהתפלל בבית המדרש. בשב"ק בבוקר הבחין **כ"ק מרן זצוק"ל** שאבי לא הגיע לבית המדרש, אז שאל מרן ז"ל מאת הרה"ח ר' עקיבה דייטש ז"ל: "וואו איז ר' דוד, איך זע אים נישט", סיפר ר' עקיבה למרן ז"ל שהוא סובל יסורים גדולים ואינו יכול לבא לביהמ"ד. משמשמע זאת מרן ז"ל אמר לר' עקיבה: "קום מיט מיר, איך וויל ארויפגיין באזוכן ר' דוד".

**אכן** כן עשה, ומרן ז"ל הגיע לבקר בביתנו, ויהי בבואו למטתו של אבי התחיל למשש על גופו ושאל: "דא טוט וויי?" והמשיך למשש בשאר חלקי הגוף ובכל מקום שאל: "דא טוט וויי?" ובכל מקום שמישש מרן ז"ל תיכף נסתלקו היסורים, עד שמרן ז"ל מישש בכל המקומות שהרגיש היסורים, וכל היסורים נסתלקו ממנו, כאשר בא כן ילך.

### והיו עיניך רואות את מוריך

## סיפר הרה"ג ר' **בערל טויבער** שליט"א:

**חותני** הגה"ח ר' משה יוסף פאשקעס ז"ל היה סגור במדינת אונגארן אחר המלחמה אחד עשר שנים תחת מסך הברזל של הקומוניסטן ימ"ש, הוא היה בחור גלמוד בלי אב ואם או שום גואל הדם, והיה שם מגיל עשרים עד אחת ושלשים שנה, ובמסירות נפש החזיק עצמו עם כל ה'ווארעמקייט' אשר אי אפשר להשיג הכוחות הנפש שהיו צריכים לזה.

**בהזדמנות** שאלתי את חותני: "וויאזוי איז געווען מעגליך זיך צו האלטן ביי אידישקייט הינטער אזעלכע שווערע מצבים?" ענה לי חותני: "אלעס אינעם זכות פון שבת קודש", שאלתי אותו שוב: "הא גופא קשיא, וויאזוי האט א בחור איינער אליין הינטער די קאמוניסטן געקענט האלטן שבת דארט?"

**אז** ענה לי חותני: "מיין סדר איז געווען אז יעדע ערב שבת האב איך מיר אוועקגעזעצט מיט פארמאכטע אויגן א שעה-צוויי, כ'האב מיר מצייר געווען ווי איך געפון מיר במחיצתו פון רבי'ן ז"ל, דער רבי קומט אריין צום דאווענען פרייטאג צונאכטס, דער רבי דאווענט פרייטאג צונאכטס, דער רבי קומט אריין צום טיש און הייבט אן שלום עליכם, און אזוי ווייטער דעם גאנצן שבת; באופן זה האב איך מיר געקענט האלטן דארט מיט'ן שבת קודש". (על פי 'מה יפה ירושתנו' עמוד תקנ) [ב].

**ב.** ראה שם בספר 'מה יפה ירושתנו' שמוסיף: כמו כן אמר פעם לא' מיוצ"ח, שבאותם השנים הקשים, בכל פעם שנעמד בפני איזה נסיון, הי' מצייר לפניו דמות דיוקנו של רבו המובהק כ"ק מרן בעל 'ויחי יוסף' זצ"ל בעת עשיית קידוש בליל שב"ק, וזה נתן לו כח להתגבר בכל מצב שהוא.

### ויעשו כולם אגודה אחת

## סיפר הר"ר **דוד דוב** (בר"ב) **קאלמאן** הי"ו:

**בשנת** תשמ"א לפ"ק לפני חתונתי לפני שקבעתי משכני בתוככי עיר בארא פארק, נכנסתי אל הקודש לכ"ק מרן זצוק"ל ושפכתי את לבי לפני מרן ז"ל שאני צריך לעבור לעיר ב"פ ולהיות ממרחק מקום של הרבי, אמר לי מרן ז"ל דברים כדרבונות אשר מלוים אותו עד היום הזה: "טאמער וועסט דיר האלטן מיט די חברייא, זאג איך דיר צו אז וועסט דיר אייביג בענקען".

**אף** הוסיף מרן ז"ל לומר לי שעל אף שבשנים הראשונות לא דרו כמות גדולה של 'חסיד'ישע אידן' בעיר, אבל כהיום נתגדל העיר בארא פארק כמרכז ל'חסיד'ישע אידן', באמרו: "בארא פארק איז שוין היינט נישט ווי אמאל, ס'וואוינען שוין דארט אסאך ערליכע חסיד'ישע אידן".

### שיהיה חלקי בגן עדן

## סיפר הר"ר **עמרם זיכערמאן** הי"ו:

**זקיני** הרה"ח ר' יחיאל מיכל זיכערמאן ז"ל התגורר בעיר מאנטרעאל, והיה לו שם חנות בעיר, שם הגיעו כל מיני אנשים לקנות מחנותו, בתוכם יהודים שבמשך השנים עזבו את דרך ה' ל"ע, וזקיני עסק הרבה לקרבם ולהראותם נועם ה'.

**פעם** כשדיבר עם איזה יהודי שעזב ל"ע את הדרך, אמר לו היהודי: "טאמער דו געבסט מיר דיין גאנצע עולם הבא, בין איך גרייט צוריקצוקומען און אנהייבן א אידישע לעבן פונדאסנייי", זקיני הסכים תיכף ומיד, וחתם עמו בשטר על המקח. אולם לבו נקפו מאוד על מה שעשה ככה.

**לאחר** זמן כשהיה בוויליאמסבורג נכנס אל הקודש לכ"ק מרן זצוק"ל, וסיפר לי את אשר עשה, ושאל את מרן ז"ל אם עשה נכון במה שמכר לו את העולם הבא שלו. מרן ז"ל נתרגש בשמעו את הדברים, ואמר לו: "הלואי שיהיה חלקי עמך בגן עדן".

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד (646)450-5548


**כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 < 0**

POWER ROOTER SEWER & DRAIN EXPERTS 718.686.8686

**ארייינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג